# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת חקת תשפ"ד לפ"ק

**בסיום מסכת נדרים במסגרת חבורת 'ובהם נהגה' - ביחד עם מעמד התחלת כתיבת ספר ויקרא בהספר תורה שנכתבה לזכותו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

יום ג' פרשת חקת תשפ"ד לפ"ק - מאנסי

**די מעלה פון מיטהאלטן די חבורה פון 'ובהם נהגה' און נעמען די בחינות**

**איך** וויל באגריסן אלע חשוב'ע באטייליגטע וואס האלטן ביים סיום מסכת נדרים. עס זענען דא די וואס דאס איז נישט די ערשטע מסכתא וואס מען איז מסיים, זיי האבן מיטגעהאלטן פון אנהייב אן. עס איז לימוד התורה פון יחידים, און לימוד תורה פון רבים, וואס הונדערטער יודען האלטן מיט דעם חבורה צוזאמען. עס זענען דא איבער זעקס הונדערט יודען וואס האבן יעדן חודש גענומען די בחינות פון מסכת נדרים, און זיי באקומען זייער פרס דערויף. אשרי די וואס טוען צוהעלפן דערצו. און וויפיל זענען דא וואס לערנען פאר זיך, וואס זיי קומען נישט אן צו נעמען די בחינות, אשרי חלקם. מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט געגעבן די זכיה אז מען קען זיצן און לערנען, און אויסנוצן די פרייע צייט וואס מען האט.

**מען** האט פריער געהערט, עס איז אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא. ווי גליקליך דארף מען זיין אשריך בעולם הזה, אז די צייט וואס גייט אוועק פאר הבלי עולם הזה, צייט וואס גייט אוועק ליידיג, זיצט מען אין די צייט און מען לערנט. עס איז נישט נאר אז מען לערנט, וואס מען האט די נוצן פון די שעות אליין וואס מען איז עוסק בתורה, נאר ווען מען נעמט בחינות, טראכט מען פון וואס מען האט געלערנט, נישט איין מאל, נישט צוויי מאל, וואו מען שטייט און וואו מען גייט, טראכט מען איבער דעם לימוד וואס מען האט געלערנט, ווייל סוף חודש וועט ער דאך דארפן צוזאמנעמען אלעס וואס ער האט געלערנט ביז יעצט. דאס איז נישט נאר די שעה וואס מען האט געלערנט, נאר דאס גיט צו אנדערע צייטן וואס מען איז מהרהר בדברי תורה.

**ועל** כולם, יעדער ווייסט ביי זיך, וואס עס האט געטוישט אים און זיין שטוב. די וואס האבן זיך צוגעטשעפעט צו די חבורה צו זיצן און לערנען, מען איז קובע עתים לתורה צו לערנען די שיעורים, וואס מען איז מחויב על פי דין צו קובע זיין עתים לתורה. עס האט אריינגעברענגט א ווארימקייט, און א

על הטוב יזכר

ידידינו מוה"ר **שלמה יצחק טובל** הי"ו

**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**

לרגל הולדת בנו למזל טוב

ערליכקייט, אין די שווערע זמנים וואס מען לעבט. און מען איז זוכה און מען האלט דא, אז מען האט מסיים געווען די מסכתא.

*

**ווען מען איז זיך קובע צו לערנען תורה**
**שפירט מען אז די תורה איז א מתנה, נישט א עול**

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (במדבר כא-יט), משה רבינו זאגט, וממדבר מתנה וממתנה נחליאל. משה רבינו רעדט נישט פון די תורה, אבער די גמרא (נדרים נה.) דרשנ'ט, אז דער פסוק גייט ארויף אויף דברי תורה. וממדבר, ווען א יוד איז זיך מפקיר פאר תורה אזוי ווי א מדבר, מתנה, גיט אים דער אייבערשטער די תורה במתנה. וממתנה, כיון שנתנה לו תורה במתנה, נחליאל, נחלו א-ל, טוט אים דער אייבערשטער נוחל זיין, ער ווערט א נחלה פונעם אייבערשטען.

**מען** רעדט נישט פון גרויסע לייט, וואס זיי האבן זיך ממש מפקיר געווען, איבערגעלאזט די שטובער, און מען איז אוועקגעגאנגען און מען האט געלערנט תורה. דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט איבערגעלאזט די שטוב תיכף נאך די חתונה אויף צוועלף יאר, און אוועקגעגעבן פאר תורה. און ווען ער איז אהיימגעקומען, האט ער געהערט אז זיין רעביצין האט געזאגט, הלוואי וואלט ער געבליבן נאך לענגער, האט ער זיך אויפגעהויבן און ער איז צוריקגעגאנגען אויף נאך צוועלף יאר. אונז רעד מיר נישט פון אזא סארט מדבר, זיך מפקיר צו זיין אינגאנצן פאר תורה, דאס איז זיכער ממדבר מתנה.

**נאר** אפילו ביי די וואס זענען קובע עתים לתורה, איז אויך דא דער מדבר. די שעה וואס ער איז קובע צו לערנען, איז ביי אים א מדבר. אין א מדבר איז נישט דא גארנישט, עס איז נישט דא נאר דער מענטש, מיט הימל און ערד. עס עקזיסטירט נישט קיין ווייב, קיין קינדער, קיין געשעפטן, קיין טעלעפאונס, עס איז נישט דא קיין שום זאך אין א מדבר, עס איז הפקר.

**'וממדבר'**, ווען א מענטש איז זיך קובע די שעה פון לימוד התורה וואס ער לערנט, די שעה בין איך אין א מדבר, די שעה איז קיינער נישט דא, עס עקזיסטירט נישט עפעס אנדערש, נאר איך מיט די גמרא. 'מתנה', גיט אים דער אייבערשטער די תורה במתנה. דאס איז טייטש, אז נישט נאר ער איז זוכה אז וויפיל ער פלאגט זיך אויף לערנען פארשטייט ער, נאר עס איז דא א באונע"ס, א מתנה אין תורה, וואס קומט צו דערמיט. ער הייבט אן צו שפירן אז די תורה וואס ער האט, איז נישט קיין 'עול', די תורה איז א 'מתנה'. וויפיל מענטשן האבן נישט די זכיה צו פארשטיין, זיי מיינען אז תורה איז א עול אויפן מענטש, זיי פארשטייען נישט די חשיבות פון תורה. מען האט פריער געהערט, כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז דער לעבן פונעם מענטש, דאס איז די אקסידזשע"ן פונעם מענטש. 'וממדבר', אז מען איז זיך מפקיר פאר די תורה ווי א מדבר, 'מתנה', הייבט מען אן צו שפירן אז די תורה איז א מתנה פונעם אייבערשטען. און אויב מען האט דאס, 'נחליאל', דעמאלטס איז ער א נחלה פונעם אייבערשטען.

**אשריכם** מה טוב חלקיכם, די יודען וואס זענען דא, און זיי האבן מסיים געווען די מסכתא, און מען רישט זיך שוין אנצוהייבן א פרישע מסכתא, ווי גליקליך דארף מען זיך פילן אז מען האלט ביי דעם טאג, ב"ה איך האב זוכה געווען צו לערנען נאך א מסכתא, איך האב זוכה געווען צו נעמען די בחינות דערויף, און איך זאל קענען פון דא גיין ווייטער.

*

**אז מען נוצט אויס די צייט צו לערנען**
**האט מען נישט קיין צייט צו זינדיגן**

**די** וואך אין די פרשה איז דא נאך א פסוק וואס איז נוגע צו תורה. על כן יאמר בספר מלחמת ה', את והב בסופה (במדבר כא-יד). די גמרא (קידושין ל.) דרשנ'ט דעם פסוק (תהלים קכז-ה) כי ידברו את אויבים בשער, אז תלמידי חכמים וואס זיצען און לערנען, ווערן אסאך מאל אויבים, פיינט, איינער פארן צווייטען. אב ובנו, א טאטע מיט א זון, מען זעצט זיך אראפ לערנען, און מען הייבט זיך אן מפלפל צו זיין, דער זאגט אזוי, און דער זאגט אנדערש, צוויי תלמידי חכמים קריגען זיך. צוויי גוטע פריינד, זעצען זיך אראפ לערנען, 'כי ידברו את אויבים', מען רעדט אזוי ווי פיינט, 'בשער', ווען מען רעדט אין די שערי תורה. דער זעלבער וואס ביז יעצט איז ער געווען א אוהב, א גוטער פריינד, ווערט אים א אויב. - דער חילוק צווישן א 'אוהב' און א 'אויב' איז פינף. אוהב איז מיט א ה', און אויב איז מיט א י'. ווען עס קומט צו תורה, צו די חמשה חומשי תורה, קען א מענטש ווערן איבערגעדרייט פון א אוהב צו אן אויב. זאגט אבער

די גמרא, אז דאס איז נאר ווילאנג מען שטעלט זיך נישט אויף פון די גמרא, 'את והב בסופה', ווען מען שטעלט זיך אויף פון דעם לערנען, ווערט נתחדש די אהבה, עס ווערט נתגבר די אהבה צווישן איינעם און צווייטן. 'והב' איז א לשון פון אהבה, דרשנ'ט די גמרא, את והב בסופה, די אהבה קומט צום סוף.

**בראתי** יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). אזא יצר הרע ווי עס איז דא אין אונזער דור וואס אונז לעב מיר, איז נישט געווען מימות עולם! די געלעגנהייטן וואס דער יצר הרע זאל קענען אזוי גרינג צורעדן א מענטש, ער קען אנקומען וואו ער וויל, און קיינער שטערט אים נישט. פאר אזא יצר הרע דארף מען האבן א גוטן תבלין, דאס איז דער בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. אז מען איז זוכה, מען זיצט און מען לערנט, און מען האט נישט קיין צייט. - א צדיק האט אמאל געזאגט, איך בעהט נישט פון ענק עטץ זאלטס נישט זינדיגן ווייל מען טאר נישט, איך בעהט עטץ זאלטס נישט זינדיגן ווייל עטץ זאלטס נישט האבן קיין צייט צו זינדיגן... - אז מען איז אריינגעלייגט אין תורה, פאלן אוועק אלע זייטיגע פראבלעמען אפילו אין גשמיות, און כל שכן וואס די קדושת התורה העלפט. - די מלחמה וואס א יוד האט פארן אייבערשטען'ס וועגן, די מלחמת היצר, דאס קען מען זיגן דורכדעם וואס מען זיצט און מען לערנט.

**'על** כן יאמר בספר מלחמת ה', די מלחמות ה' וואס א יוד דארף פירן, 'בספר', די מלחמה פירסטו מיט דיין לערנען. וויפיל דו ליגסט אין לערנען, ביסטו שטערקער אין די מלחמה, און דו האסט דעם כח הניצחון. ווי וויניגער מען נוצט דעם ספר, איז די מלחמה א שווערערע מלחמה. על כן יאמר, בספר מלחמת ה', דער ספר פירט אונזערע מלחמות, 'את והב בסופה', ווען ער ענדיגט דאס לערנען, באקומט ער אן אהבה, ער באקומט א ליבשאפט, עס איז נעשו אוהבים זה לזה. עס איז דא א אהבה צווישן די תלמידי חכמים, און מען באקומט א אהבה צו תורה. די ליכטיגקייט פון תורה טוט אים אויפשיינען אין זיין גאנצן לעבן.

*

**הלכות נדרים לערנט אונז די געוואלדיגע כח פון א דיבור און א תפלה**

**מען** האט געלערנט מסכת נדרים, וסליקא לן מסכת נדרים. ביי יעדע מסכתא איז דא א געוויסע מוסר השכל וואס מען דארף ארויסנעמען דערפון. אז מען האט אוועקגעגעבן אזויפיל צייט פאר מסכת נדרים, דארף מען אביסל טראכטן וואס ליגט אין נדרים, וואס איז נוגע פאר אונז אין לעבן.

**נדרים** לערנט א געוואלדיגען מוסר השכל, וואס פאר א גרויסן כח עס האט, א ווארט וואס א מענטש זאגט ארויס. ער האט ארויסגעזאגט א ווארט, פון ווען דו האסט עס געזאגט, לא יחל דברו, ככל היוצא מפיו יעשה (במדבר ל-ג). צענדליגער הלכות גייען זיך טוישן, דורך איין דיבור וואס א מענטש האט געזאגט. ער האט געזאגט אויף א זאך, אז די זאך איז אסור, מען טאר נישט נהנה זיין דערפון, ווערט עס א איסור. 'ער' קען נישט נהנה זיין, צו אויף ווער ער האט עס גע'אסר'ט. און ער קען באקומען מלקות אויב ער איז עובר אויף לא יחל דברו. ער קען זאגן אויף א בהמה, עס זאל זיין א קרבן פארן אייבערשטען, די איינע ווארט וואס ער האט ארויסגעזאגט, קען ברענגען חיוב מיתה. אז טאמער נעמט ער די בהמה, און ער שחט עס שחוטי חוץ, איז דא דערביי א חיוב מיתה.

**נדרים** לערנט, ווי ווייט א מענטש דארף מחשיב זיין א דיבור וואס מען זאגט. אז די תורה האט געגעבן אזא כח אין א נדר, אז ככל היוצא מפיו יעשה, איז דער מוסר השכל דערפון, זאג נישט אז דיין ווארט איז גארנישט! עס איז נוגע סיי אין עניני רוחניות, און סיי אין עניני גשמיות. עניני רוחניות, א מענטש שטעלט זיך דאווענען, און ער טראכט, וואס איז שוין ווערד מיין דאווענען, איך ווייס ווי אזוי איך האב אויסגעקוקט נעכטן, און ווי אזוי איך וועל אויסקוקן מארגן, איך קען עפעס פועל'ן מיט מיין תפלה? איך בעהט אויף די גאולה, עס איז עפעס וואס באלאנגט צו מיר? מיינע דיבורים וועלן מאכן עפעס א רושם? ווען ער איז מתפלל אויף א חולה, טראכט ער, וואס וועט מיין תפלה אויפטון?

**א** יוד דארף וויסן, אז אין יעדע ווארט וואס ער זאגט, איז דא א כח אינעם דיבור. נדרים לערנט אונז, וואס דער כח פון א דיבור איז, אז ווען א מענטש זאגט ארויס א זאך מיטן מויל, האט עס א כח! ככל היוצא מפיו יעשה, יעדע תפלה וואס א יוד איז מתפלל, קומט אן זייער ווייט. תורה איז מקדש דעם מענטש, יעדע ווארט תורה וואס ער לערנט, האט אין זיך א געוואלדיגן חשיבות. - דאס איז אין רוחניות.

**מען דארף האלטן ווארט**

**וואס מען זאגט אין די געשעפטן**

**און** ער דארף עס אראפנעמען אויף גשמיות אויך. מען איז אין ביזנעס, מען איז געשעפט'ליך, נתת ונתת באמונה איז איינע פון די זאכן וואס מען פרעגט ביום הדין (שבת לא.), צו האסטו געהאנדלט באמונה, ערליך. אמונה איז טייטש טראס"ט. האט מען דיך געקענט טראסטן ווען דו האסט געזאגט א ווארט ביי די ביזנעס. וואס דו האסט געזאגט אז דו גייסט טון, האסטו געטון. האט געהאט עפעס א ווערד וואס דו האסט געזאגט, צו נישט. א יוד דארף וויסן, א ווארט וואס מען זאגט ארויס, דארף מען האלטן! מען גייט נישט אריין יעצט אין די הלכה צו ער מעג חוזר זיין, צו ער טאר נישט חוזר זיין, דאס איז אלץ גוט ווען מען האט א שאלה מיט א דין תורה ווי אזוי מען דארף פסק'נען דערויף. אבער דער סדר פון א יוד דארף צו זיין, אז דו זאגסט ארויס א ווארט, דארף מען זיך האלטן צו דעם ווארט וואס מען האט געזאגט, און זעהן מען זאל עס אנהאלטן אין אלע אומשטענדן. מען מיינט אסאך מאל אז געשעפטליך, מען האט עפעס געזאגט פאר יענעם, און נאכדעם טוישט מען אנדערש, מען וויל נישט טון וואס מען האט צוגעזאגט. א בעל הבית מיט אן ארבייטער, אדער ביי פארקויפן און קויפן א זאך, ער מיינט אז דארט ליגט זיין הצלחה. ער זעהט אסאך מאל א שאדן, אויב ער גייט האלטן זיין ווארט וואס ער האט געזאגט. עס קען נישט זיין קיין שאדן פון א ווארט וואס א מענטש האט ארויסגעזאגט, און ער טוט עס ווייל ער וויל זיין מענטשליך, איך וויל טון וואס מען דארף צו טון. די ברכה איז נישט חל דארט ווי עס איז דא א מחלוקת. דארט וואו עס איז דא שלום, וואו א מענטש האלט זיך צו א זאך וואס ער האט צוגעזאגט, דאס איז די כלי וואס איז מחזיק ברכה, דארט ליגט די ברכה.

**וויפיל** מאל איז דא וואס מענטשן גייען אריין אין א ביזנעס, און ער מיינט אז דער די"ל וואס ער גייט מאכן, דאס וועט אים ברענגען אז ער וועט נתעשר ווערן. און פאר דעם טוט ער וויפיל פסלנות ער קען, כדי ער זאל אנקומען צו דעם געשעפט וואס ער וויל מאכן. און וואס לאזט זיך אסאך מאל אויס דערפון, ער האט געמיינט אז דארט וועט ער מצליח זיין, און וויפיל מאל האט עס אראפגעברענגט די גאנצע פארמעגן וואס א מענטש האט געהאט, און דורכדעם האט ער באנקראטירט אנשטאט וואס ער האט געקענט פארדינען. וויפיל מאל איז דא פארקערט, ער האט געקויפט א זאך רוהיג, און ער האט געמיינט אז ער וועט פון דעם נישט קענען מצליח זיין, און לבסוף שיקט דער אייבערשטער אריין א ברכה וכדומה. ווען א יוד טראכט זיך איבער, א ווארט וואס ער האט געזאגט, איז ביי אים ערליך, און ער האלט זיך דערביי, האט עס א גרויסן כח הברכה וואס זאל חל זיין אין די זאך וואס ער האט געטון. דאס איז דער לימוד פון נדרים, פון לא יחל דברו, זיי נישט מיחל וואס דו האסט געזאגט, נאר ככל היוצא מפיו, וואס דו האסט ארויסגעזאגט פון דיין מויל, יעשה, זאלסטו אזוי טון.

**איך** האב שוין אמאל פארציילט, און איך וועל עס איבערזאגן נאכאמאל. עס האט מיך געפרעגט א יוד וואס האט פארקויפט א ביזנעס, א הויז, א געשעפט, און ער האט געהאט א קאסטומער דערויף, און ער האט אפגעמאכט מיט דעם קאסטומער, איך פארקויף דיר עס פאר כך וכך. און ער האט אפגעשמועסט מיט אים, אז מארגן טרעפט מען זיך ביי דעם לויער, און מען שרייבט אלעס אונטער. נאכדעם איז אריינגעקומען א צווייטער, און ער האט אנגעטראגן א העכערן פרייז. און ער פרעגט מיך, זאל איך צוריקציען צו נישט. איך האב נאכנישט קיין קאנטראקט, איך האב נאך גארנישט געמאכט מיט אים. האב איך אים געזאגט, דו קענסט צוריק ציען, דו האסט נאך נישט געמאכט מיט אים קיין שום קאנטראקט, אבער איך ראהט דיך, דו ביסט אין ביזנעס, דו האסט געזאגט א זאך, האלט ווארט, מען זאל וויסן אז דו ביסט אן ארענטליכער מענטש. ער האט געפאלגט, און ער האט עס פארקויפט פאר יענעם.

**שפעטער** פארציילט ער מיר, אז דער קונה פאר וועם ער האט עס פארקויפט, איז געוועזן גרויס אין ביזנעס, און ער האט געזעהן וואס פאר א ארענטליכער מענטש ער איז, אז ער האט געהאט א קונה מיט מער געלט, און ער האט עס נישט אוועקגעגעבן פאר יענעם, האט ער אים אריינגענומען אין זיינע געשעפטן, און ער האט געמאכט מיט אים געשעפטן וואס ער האט פארדינט פון די געשעפטן אסאך און אסאך מער, פון וויפיל ער וואלט געקענט האבן פון די הוספה וואס יענער האט אים געוואלט צוגעבן. - לא יחל דברו, ככל

היוצא מפיו יעשה, מען דארף טון וואס מען האט געזאגט.

*

**הלכות נדרים לערנט אונז, אז א יוד איז אונטערגעווארפן אונטער חכמי ישראל**

**נאך** א לימוד איז דא אין נדרים. מען דארף טאקע טון וואס מען זאגט, לא יחל דברו, פון דעסטוועגן דאך איז דא איינער וואס קען שטערן דיין נדר, און עס מאכן אויס נדר. ווען דו גייסט צו א חכם, און דו בעהעסט אז דער חכם זאל דיר מתיר זיין. אזוי ווי דיין ווארט האט עס געקענט אסר'ן, אזוי קען די ווארט פון דעם חכם עס מאכן אויס נדר, און דו ביסט נישט מחויב צו טון וואס דו האסט געזאגט, ער האט דיר מתיר געווען דיין נדר. א מאן קען מפיר זיין נדרי אשתו, א טאטע קען מפיר זיין נדרי בתו, און א חכם קען מפיר זיין יעדע נדר וואס מען האט געמאכט. פארוואס? שטייט אין די מפרשים, ווייל א יוד איז אונטער געווארפן אונטער חכמי ישראל. ווען ער מאכט א א נדר, טראכט ער, איך מאך טאקע דעם נדר, אבער טאמער חכמי ישראל וועלן מיר זאגן אז איך דארף נישט האלטן דעם נדר, וויל איך נישט מקבל זיין דעם נדר. אזוי ווי א אשה איז נודרת על דעת בעלה, קען דער בעל מפיר זיין. די זעלבע איז ביי א חכם, איך מאך עס נאר אדעתא דהכי אז דער חכם איז מסכים, און אויב נישט קען ער עס מפיר זיין. א יוד זאל וויסן, אז די ווארט פון א חכם שטייט העכער פון זיין ווארט. דו האסט געזאגט אזוי, און דו זאך וואלט געדארפט צו זיין א קרבן, עס וואלט געדארפט צו זיין סיי וועלכע קרבן וואס עס וואלט געדארפט צו זיין, אבער דער חכם האט געזאגט ניין, איז עס געווארן ניין. - עס איז א מוסר השכל, וואס מען דארף זיך אראפלערנען פון יעדע מצוה. נדרים לערנט אונז, ווי ווייט חשוב עס איז א ווארט פון א מענטש, און עס לערנט אונז אז עס איז דא א זאך וואס איז חשוב'ער פון דיין ווארט, אז חכמי ישראל זענען נישט מסכים צו דעם וואס דו האסט געזאגט, איז בטל געווארן דאס וואס דו האסט אויף דיר מקבל געווען.

**און** דאס דארף מען זיך אראפלערנען פון די פרשה פון נדרים, עס איז סליקא לן מסכת נדרים, מען האט געענדיגט נדרים, מען גייט צו, צו מסכת נזיר, אבער מען דארף ארויסצונעמען דעם מוסר השכל דערפון, וויסן אין מענטשליכן לעבן, די הארבקייט פון דעם לאו פון שקר, דער לאו פון זאגן א זאך וואס איז נישט ריכטיג. אויפן זאגן דעם אמת, האט נאך קיינער נישט ארויפגעצאלט. עס איז אפשר אמאל דא שאדן אויף די מינוט, אבער אין משך הימים, זעהט מען אז דער וואס האט זיך געהאלטן צו זיין ווארט, האט מצליח געווען.

*

**נאכן לערנען מסכת נדרים**
**איז גרינגער צו לערנען מסכת נזיר**

**מען** הייבט אן מסכת נזיר. נזירות איז אויך בעצם א חלק פון נדרים, עס איז אויך אז מיט א דיבור וואס ער זאגט הריני נזיר, זענען חל די אלע הלכות פון נזירות. עס איז נאר דא נאך איין פרט וואס די נזירות האט אין זיך, אז ער ווערט גע'אסר'ט מיט וויין וכדומה. מען האט געענדיגט מסכת נדרים, איז גרינגער אריינצוגיין אין מסכת נזיר. דער חילוק צווישן נדר און נזיר איז דרייצן, נדר איז נ"ר מיט א ד', און נזיר איז נ"ר און א י"ז אינדערמיט, דער חילוק איז די מספר פון אהב"ה. ווען מען ענדיגט נדרים, מען שטעלט צו די אהבה וואס מען האט באקומען צו לערנען, דורך מסכת נדרים, קען מען אריינגיין אין נזיר, ווייל נד"ר מיט אהב"ה דאס איז נזי"ר.

**מסכת** נזיר איז נישט קיין גרינגע מסכתא, אבער אז מען זיצט און מען לערנט, איז אלעס גרינג, און אז מען לערנט נישט, איז אלעס שווער. ב"ה מען איז אנגעקומען ביז אהער, וועט מען אוודאי אנקומען ווייטער אויך. מען דארף זיך נאר פארנעמען נישט נתרשל צו ווערן, וועט מען קענען אנגיין ווייטער אויך.

*

**די מעלה פון שטיצן תורה**

**מען** האט פריער גערעדט וועגן די חיזוק פאר די מוסדות. איך וויל ארויסברענגען אן הכרת הטוב פאר ר' יוסף, וואס איז עומד צו בויען און צו פארברייטערן די קהלה, וואס ער האט זיך אריינגעלייגט דערין בלב ובנפש. מען קען זאגן אז אין די מוסדות אין וויליאמסבורג, איז צוזאמגעשטעלט געווארן מיליאנען דאלערס, מען האט אויפגעבויט לעצטנס די מיידל שולע דארט. און די זעלבע איז דא צו טון אין אנדערע מקומות ווי עס פעלט אלץ אויס.

**די** אלע וואס האבן א חלק אין דעם ספר תורה, וואס איז געשטעלט געווארן אויף דעם, אז עס זאל קענען זיין די החזקת התורה. באר חפרוה שרים, כרוה נדיבי העם (במדבר כא-יח), זאגט דער **חתם סופר** (בפרשתנו), 'באר', די באר פון תורה, 'חפרוה שרים', די וואס לערנען תורה, די שרים, די גראבן די תורה, זיי זיצן און לערנען. אבער 'כרוה', מען קען עס אויך קויפן, 'נדיבי העם', די נדיבי עם קענען אויך איינקויפן א חלק פון די תורה. די וואס זענען מחזיק די תורה, זיי העלפן צו דערצו, איז חלק כחלק יאכלו, האבן זיי אויך זייער חלק דערין.

**מען** שרייבט א ספר תורה אלע חברים צוזאמען, יעדער יוד האט א אות אין די תורה, און מען קומט צוזאמען די גאנצע חבורה אין איין מקום, אין איין ספר תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער זכות פון תורה זאל אויף אונז ביי-שטיין, עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, דער באשעפער זאל געבן די כוחות הנפש, מען זאל קענען אנהאלטן ווייטער, נישט נאכלאזן פונעם לימוד התורה, נאר עס מקבל זיין אויף זיך, אפילו מען האט נישט געגומען די בחינות ביז יעצט, זאל מען אנהייבן צו פראבירן, מען מוז נישט באקומען קיין הונדערט אויף א טעס"ט, אפילו מען באקומט א פופציג איז אויך גוט, אבער ער זאל אנהייבן. ווען מען הייבט נישט אן, קומט מען אין ערגעץ נישט אן. די אלע וואס האבן אנגעהויבן, האבן אנגעהויבן קודם שוואכערהייט, מען האט דאך שוין נישט געגומען קיין בחינה אפשר אלץ בחור אויך נישט, אבער על כל פנים פון דעמאלטס אוודאי נישט, איז עס שווער אנצוהייבן, אבער נאכדעם ווען מען קומט אריין דערין, שפירט מען דעם טעם פון די תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען זיצן און לערנען, מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך נחת און הרחבת הדעת, די ברכת התורה זאל אונז ביי-שטיין אז וואו מען גייט און וואו מען שטייט, זאל מען האבן ברכת ה'. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## סיפורי צדיקים בסעודת מלוה מלכה

**מתוך הספר נאמנים ונחמדים**

מוצש"ק פרשת חקת תשפ"ד לפ"ק

**די** וואך (ט' תמוז) איז די יארצייט פונעם **קלויזענבורגער רב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.** איך בין געווען ביי אים אסאך שבתים. יעדן שבת מברכים פלעגט ער זאגען א דרשה פארן ליינען, ער האט געזאגט א פשטעל, און נאכדעם א דבר אגדה. און ווען איך פלעג צו פארן, האב איך אלץ אויסגערעכנט איך זאל פארן אויף א שבת מברכים, כדי צו קענען הערן די דרשה אויך.

**בדרך** כלל פלעג איך צו פארן אויף שבת מברכים אלול, דאס איז געווען א קביעות ווען איך פלעג גיין אויף שבתים. איך פלעג צו עסן ביי אים אין שטוב, ער האט נישט מיטגעגעסן, ער האט געפירט טיש, אבער די רעביצין מיט די קינדער און די אייניקלעך האבן געגעסן דארט אין שטוב, מיט די געסט וואס זענען געווען. דער איידעם דער **זוועהיל'ער רבי זצ"ל**, ער האט נישט געהאט ל"ע קיין קינדער, האט ער געגעסן דארט יעדן שבת, און אונז פלעג מיר מיטצועסן די סעודה.

#### א יוד גייט נישט מיט א רויטע בגד

**דער** קלויזנבורגער רב פלעגט זיך נוהג זיין, אז נאכן דאווענען איז ער אריינגעקומען אין שטוב צו די רעביצין וואונטשן גוט שבת, און געשמועסט א פאר מינוט, און נאכדעם איז ער אריינגעגאנגען צו זיך אין ספרים שטוב. איינמאל ווען איך בין דארט געווען, איז ער אריינגעקומען זאגן גוט שבת פאר די רעביצין, און די רעביצין זאגט אים, אז זי וויל עפעס פרעגן. א אייניקל איז געווען אין סקול, א קליין מיידל, און עס איז געקומען אין סקול א מיידל מיט א רויט קלייד, און די אייניקל האט געזאגט פאר יענע מיידל, א יודיש קינד גייט נישט מיט קיין רויט

קלייד. האט די מיידל צוריק געענטפערט, א יודיש קינד פארשעמט נישט א צווייטן. האט זי געוואלט פרעגן ווער איז גערעכט?

**האט** ער געזאגט, ביידע זענען גערעכט. א יודיש קינד דארף טאקע נישט גיין אזוי, אבער מען דארף נישט פארשעמען יענעם. ווען מען האט עפעס צו זאגן, זאגט מען פאר יענעם אין ווינקל, נישט ברבים.

**און** ער האט דעמאלטס געזאגט, אז אין **זוהר הק'** שטייט, אז די חיילים פון ס"ם אויבן אין הימל, גייען געקליידעט מיט רויט. און ער האלט אז דאס איז די קפידא פארוואס מען איז נישט געגאנגען מיט קיין רויטע קליידער, ווייל דאס איז נישט קיין בגד פאר יודען, דאס איז א בגד וואס איז פונעם ס"ם. אדום איז רויט. דאס איז טייטש, געוועינליך האלט מען, אז דאס וואס מען גייט נישט מיט א רויט קלייד איז א ענין פון צניעות, עס איז אויפפאלענד (עיין **ברמ"א** יו"ד סימן קעח). זאגט ער ניין, עס האט נישט צו טון מיט אויפפאלענדקייט, דאס האט צו טון, ווייל עס איז נישט קיין יודישע מלבוש, זיין לשון איז געווען, לדעתי, א תינוק בן יומו זאל מען אויך נישט אנטון מיט קיין רויטע קלייד, דאס איז נישט קיין יודישער בגד.

*

### מען דארף תשובה טון אויך אויף די מצוות וואס מען האט געטון נישט ווי עס דארף צו זיין

**איך** וועל נאכזאגן א דבר תורה וואס איך האב געהערט פון אים אמאל ביי שלש סעודות. מען זאגט אין תחנון, שאין אנו עזי פנים וקשי עורף, לומר לפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו, צדיקים אנחנו ולא חטאנו, אבל אנחנו ואבותינו חטאנו. אונז זעמיר נישט קיין עזות פנים'ער, אונז גיי מיר נישט זאגן פארן אייבערשטען אז אונז האב מיר נישט געזינדיגט, אונז האב מיר יא געזינדיגט, אנחנו ואבותינו חטאנו.

**האט** ער זיך געשטעלט, און ווען מען זאגט פארן אייבערשטען, אז אונז האב מיר נישט געזינדיגט, איז מען נאר אן עזות פנים? מען איז א ליגנער! מען האט דאך יא געזינדיגט. וואס איז טייטש שאין אנו 'עזי פנים', אונז זעמיר נישט קיין עזות פנים'ער צו זאגן פארן אייבערשטען אז אונז האב מיר נישט געזינדיגט. ער וואלט געווען א שקרן, ווען ער זאגט אז ער האט נישט געזינדיגט.

**האט** ער געזאגט, א מענטש מיינט, אז מען דארף נאר תשובה טון אויף אן עבירה וואס מען האט געטון, אבער בשעת ער טוט מצוות, ער לערנט, ער דאווענט, ער טוט גוטע זאכן, אויף דעם איז נישט דא וואס תשובה צו טון. אבער מען דארף וויסן, אז מען דארף אויך תשובה טון אפילו אויף מצוות ומעשים טובים, האט מען עס דען געטון ווי עס פאסט זיך צו טון פארן אייבערשטען, מען וואלט עס געדארפט טון מיט מער אהבה און יראה. - דא קען מען שוין נישט זאגן אז מען איז א ליגנער ווען מען זאגט אז מען האט נישט געזינדיגט, ער האט דאך טאקע געטון מצוות. אבער 'שאין אנו עזי פנים', אונז זעמיר נישט קיין עזות פנים'ער, 'לומר', אונז זאל מיר זאגן, אז 'לפניך ה' אלקינו', בשעת אונז זעמיר יא געשטאנען פאר דיר, דעמאלטס זענען מיר געווען 'צדיקים אנחנו ולא חטאנו'. ניין, אפילו ווען עס איז לפניך ה' אלקינו, אפילו בשעת מען האט געטון אן עבודה פארן אייבערשטען, האבן מיר אויך געזינדיגט, און אויף דעם פאסט זיך שוין צו זאגן שאין אנו עזי פנים. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

* * *

**עס** איז דעם שבת (ז' תמוז) געווען די יארצייט פונעם **לב שמחה** פון גור. דער פריער'דיגער גור'ער רבי, **רבי אברהם מרדכי**, דער **אמרי אמת**, איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, ממש נאנט פאר עס האט זיך אנגעהויבן די קריג. און ער האט געהאט דריי זון, דער **בית ישראל**, און נאכדעם דער **לב שמחה**, און דער **פני מנחם**. שבועות תש"ח ווען דער גור'ער רבי איז אוועק, איז דער עלטסטער זון, דער בית ישראל, געווארן רבי. ווען דער בית ישראל איז אוועק, איז דער ברודער, דער לב שמחה, געווארן רבי. און ווען דער לב שמחה איז אוועק, איז דער יונגסטער ברודער, דער **פני מנחם**, געווארן רבי. דער אמרי אמת האט זוכה געווען אז אלע זיינע דריי קינדער, זענען געווען רבי"ס. - איך האב זוכה געווען צו קענען אלע. איך בין געווען סיי ביים בית ישראל. און סיי ביים לב שמחה. און ביים פני מנחם.

### דער רבי דארף שיקן צום צווייטן דאקטער נישט דער גבאי

**ברענגט** ער דא צו, אז ער האט געהערט פונעם גבאי פון דעם לב שמחה, אז אמאל זעקס אזייגער צופרי, האט ער באקומען א טעלעפאון קאל פון א חסיד, וואס האט געבעטן מען זאל מזכיר זיין ביים

לב שמחה, א חולה וואס דארף אדורכגיין אן אפעראציע. אזוי ווי דער רבי איז נאך געווען אנגעלאנט, עס איז געווען פארטאגס, האט ער נישט געקענט איבערגעבן פארן רבי'ן אז מען האט גערופן וועגן די אפעראציע. האט ער געזאגט פאר דעם חסיד, אז דער רבי הייסט אייביג, אז מען זאל פרעגן נאך א דאקטער אויך. גיי פרעג א צווייטן דאקטער, און ווען דו וועסט האבן די רעזולטאטן פון ביידע דאקטוירים, זאלסטו דעמאלטס רופן פרעגן דעם רבי וואס מען זאל טון. וכן הוה, שפעטער אינמיטן טאג האט יענער געהאט אן אפוינטמענט ביי א צווייטן דאקטער, און ער האט צוריקגערופן נאכמיטאג, מיט די רעזולטאטן פון ביידע דאקטוירים, וואס מען זאל טון.

**ווען** עס איז אנגעקומען דער טעלעפאון, האט דער גבאי' געזאגט פארן לב שמחה, אז דער יוד האט שוין גערופן צופרי פארטאגס, און איך האב נישט געקענט דעמאלטס רעדן צום רבי', האב איך אים געזאגט, אז געוועהנליך הייסט דער רבי פרעגן צוויי דאקטוירים, ער זאל פרעגן נאך א דאקטער, און נאכדעם קומען מיט א פארטיגע זאך, וועט אים דער רבי ענטפערן.

**דער** רבי האט אים אויסגעהערט, זאגט ער אים, אזוי זאגט ער, יעצט זאג אים ער זאל גיין פרעגן נאך א דאקטער.

**וביאר רבינו:** וואס איז דער הסבר אין די מעשה? ער האט געפרעגט דעם רבי, 'דער' דאקטער זאגט אזוי און אזוי, און דער גבאי זאגט גיי פרעג א צווייטן דאקטער. צו דעם דארף מען נישט קיין רבי', דאס איז פשוט עברי מיט טייטש, אז מען פרעגט איינעם, דארף מען פרעגן צוויי, אפשר איז דא אן אנדערע דיעה אויך.

**דער** ענין דערפון איז, 'דער רבי' דארף שיקן צו דעם צווייטן דאקטער. ווען דער רבי האט געהערט, אז דער חולה איז נישט געזונט, און דער דאקטער זאגט כך וכך, איז דער רבי מתפלל אז דער באשעפער זאל אים צושיקן א ישועה. דא ביי דעם ערשטן דאקטער האט דער דאקטער שוין אפגע'פסק'נט וואס מען האט צו טון, איז דאך שוין נישט שייך אז עס זאל עפעס ווערן א טויש, אבער ווען מען גייט צו דעם צווייטן דאקטער, איז דער רבי מתפלל קודם אז דער צווייטער דאקטער זאל אויפקומען מיט עפעס אנדערש, צו די מחלה איז נישט קיין מחלה, צו עס איז נישט אזוי ווי דער ערשטער האט געזאגט, צו מען דארף עפעס אנדערש. - עס איז נישט די ווארט צו גיין צו א צווייטן דאקטער, די ווארט איז, 'דער רבי' דארף שיקן צום צווייטן דאקטער. וואס דער גבאי' האט געשיקט צום צווייטן דאקטער, מיט דעם האט ער גארנישט אויפגעטון. האט ער אים געזאגט, יעצט, ווען ער גייט מתפלל געווען, יעצט זאל ער גיין פרעגן א צווייטן דאקטער.

*

**ביי א שידוך מיט די זעלבע נעמען**
**דארף מען א ברכה פון דריי רבנים**

**והוסיף רבינו:** ביי צוואת רבי יהודא החסיד איז אויך דא ענליך. מען ווייסט אז עס איז דא צוואת רבי יהודא החסיד אקעגן שידוכים, אז נישט יעדער שידוך זאל מען טון. טאמער די נעמען שטימען נישט איינס מיט דאס אנדערע, זאל מען נישט טון דעם שידוך. וואס מיינט אז עס שטימען נישט די נעמען? אמאל איז דא וואס דער חתן האט דעם זעלבן נאמען ווי זיין שווער. אמאל איז דא וואס די שנור האט די זעלבע נאמען ווי די שוויגער. שרייבט רבי יהודא החסיד אז מען זאל נישט טון אזא שידוך. וואס טוט זיך טאמער עס איז נישט ממש די זעלבע נאמען, יעדער האט א צו-נאמען, אדער איינער האט יא א צו-נאמען און איינער האט נישט קיין צו-נאמען, הייסט מען אז מען זאל פרעגן דריי רבנים, און זיי זאלן מסכים זיין צום שידוך.

**מען** פרעגט דריי רבנים, און זיי זענען מסכים. מען ווייסט אז די דריי רבנים זאגן אויף יעדן שידוך, אז מען קען טון די שידוך, אויב אזוי דארף מען דאך שוין נישט פרעגן, ער ווייסט דאך שוין, אז זיי האבן אפגע'פסק'נט אז עס שאדט נישט.

**ניין**, מען דארף יא פרעגן! ווייל מען פרעגט נישט צו מען מעג טון דעם שידוך צו נישט. נאר אויף דעם שידוך דארף מען האבן א ברכה, אז דא זאל עס נישט שאדן. דאס וואס מען 'ווייסט' אז דער רב זאגט אז מען קען טון אזא שידוך, נישט דאס העלפט אז מען זאל קענען טון דעם שידוך, עס מוז זיין א ברכה פון א צדיק אויף די זאך אליין. אז עס איז א בית דין, דריי רבנים האבן אזוי גע'פסק'נט, אז מען פסק'נט אונטען אזוי, פסק'נט מען אויבן אזוי.

**אמאל** קען זיין צוויי שותפים, און איינער פרעגט זאל איך טון די ביזנעס צו נישט, דאס מיינט נאכנישט אז ווען מען האט געענטפערט פאר איינעם אז עס איז גוט, אז דער צווייטער קען דאס אויך טון. פארן צווייטן קען עס זיין נישט גוט, אפילו מען האט געענטפערט די ביזנעס איז גוט. פאר דעם וועט עס זיין גוט, און פארן צווייטן קען זיין וועט עס שאדן, פארן אנדערן איז עס נישט גוט. ווען מען נעמט א ברכה, קען מען נישט נעמען יענעמ'ס ברכה, און מאכן דערפון אז דאס איז א כלליות'דיגע ברכה פאר יעדן איינעם. צו יעדע ברכה דארף זיין דער ענין, און פאר וועם מען האט גענומען א ברכה.

**איך** האב געהאט די פאריגע מאל, אז עס האט מיר פארציילט א יוד, אז ער איז געווען ביים פשעווארסקער רבי פון אנטווערפען זאל זיין געזונט, און ער האט מזכיר געווען זיין קינד, וואס איז שוין א פאר יאר נאך די חתונה, און זיי האבן נישט קיין קינדער. האט ער געליינט דאס קוויטל און ער האט געזעהן אז די נעמען דארט זענען נישט אויסגעהאלטן לויט רבי יהודא החסיד, עס איז געווען כלה וחמותה, אדער חתן וחמיו. האט ער געפרעגט, צו ער האט געפרעגט פאר ער האט געטון דעם שידוך, צו ער קען טון דעם שידוך צו נישט? האט ער געזאגט, איך האב געפרעגט מיין רבי, און מיין רבי האט געזאגט איך קען טון דעם שידוך. האט ער געזאגט, עס איז נישט גענוג. דו דארפסט פרעגן דריי רבנים זאלן מסכים זיין אז מען זאל טון דעם שידוך. דער רבי האט דיר געקענט זאגן אז דער שידוך איז נישט קיין חסרון, מען קען עס מקיל זיין. אבער דאס מיינט נישט אז דו האסט געהאט א ברכה, אז דער שידוך קען חל זיין. און עס קען זיין דאס איז די סיבה פארוואס עס איז נישט דא קיין קינדער. אבער דו האסט נישט פארשפעטיגט, גיי יעצט צו דריי רבנים, און יעצט זאלן זיי מסכים זיין למפרע אויפן שידוך. איז ער מיך געקומען פרעגן, איך זאל זיין איינער פון זיי, אז מען זאל מסכים זיין. - איך וויל ארויסברענגען, אז אסאך מאל איז דא וואס מען דארף האבן א ברכה אויף די זאך אליין, אז עס זאל קענען חל זיין די ברכה דערויף.

*

**והוסיף רבינו:** עס האט מיר פארציילט אן איינקל פונעם **שאצער רב** פון לאנדאן זצ"ל. אז עס איז געווען דארט א מקוה, וואס עס איז געווען א רב וואס האט געגעבן אן השגחה אויף די מקוה, און דער שאצער רב איז נישט געווען צופרידן פון יענע מקוה. אבער מען האט נישט געהאט קיין ברירה, עס איז נישט געווען עפעס אנדערש, און מען האט עס געמוזט נוצן. דאס איינקל האט געדארפט נוצן די מקוה, האט ער געפרעגט דעם זיידן, צו ער קען נוצן די מקוה. האט אים דער זיידע געזאגט, גיי פרעג דעם רב וואס גיט א הכשר דערויף, צו מען קען נוצן די מקוה.

**איז** ער געגאנגען פרעגן דעם רב, צו מען קען נוצן די מקוה? האט דער רב געזאגט, יא מען קען עס נוצן. איז ער צוריקגעקומען צום שאצער רב, פרעגט ער אים, וואס האט ער דיר געזאגט? זאגט ער, ער האט געזאגט, אז איך קען נוצן די מקוה. זאגט אים דער שאצער רב, וואס מיינסטו, איך האב געמיינט ער וועט זאגן אז מען קען עס נישט נוצן, ער גיט דאך א הכשר דערויף, איז דאך זיכער אז דו קענסט עס נוצן. איך האב נאר געוואלט ער זאל זאגן, אז 'דו' קענסט נוצן די מקוה. דו זאלסט האבן די ברכה דערויף, אז דו קענסט עס נוצען.

**איך** וויל ארויסברענגען, אז דאס איז די זעלבע נקודה. דאס וואס ער האט געפרעגט דעם צווייטן דאקטער, דאס מיינט נישט אז מען דארף פרעגן דעם צווייטן דאקטער, דער רבי דארף שיקן צום צווייטן דאקטער, און דעמאלטס איז חל די ברכה.

*

**מן השמים זענען די גור'ע חסידים**
**נישט ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל פאר די קריג**

**נאכדעם** ברענגט ער צו, וואס ער האט געהערט פונעם **לב שמחה**, אז דער אמרי אמת איז געווען אין ארץ ישראל, און ער איז צוריקגעפארן אויף פוילן פאר די מלחמה. ווען ער האט געזעהן דעם מצב וואס עס טוט זיך, האט ער געמאכט אן אסיפה אין לאדזש, און ער האט גערופן מערערע נגידים, און ער האט זיי געזאגט אז מען זאל איבערלאזן פוילן און מען זאל ארויפגיין אויף ארץ ישראל. אז מען זאל קענען איינעמען ארץ ישראל ברוחניות ובגשמיות. מען זאל וואוינען דארט, און קענען אויפטון דארט פאר יודישקייט, און עס וועט זיי אויך זיין גוט בגשמיות.

**האט** פארציילט דער לב שמחה, אז עס איז געווען דארט א חסיד פונעם טאטען, וואס דער טאטע פלעגט איינצושטיין ביי אים אין לאדזש, ער איז

געווען א גרויסער עושר, און ער האט געפרעגט דעם לב שמחה, דער רבי מיינט טאקע, אז מען זאל אלעס איבערלאזן דא, און ארויפגיין קיין ארץ ישראל. האט ער געזאגט, איך וועל נאכאמאל איבערפרעגן דעם טאטע. איז דער לב שמחה צוגעגאנגען צום פאטער, און ער האט אים איבערגעפרעגט, צו מען דארף טאקע אלעס ליקווידירן כדי ארויפצוגיין? האט ער אים געזאגט, איך קען דיר נישט זאגן מער, איך קען דיר נאר איבערזאגן די זעלבע ווערטער וואס איך האב פריער געזאגט, אז מען וועט ארויפגיין אויף ארץ ישראל, וועט זיין גוט אין אלע ענינים.

**נאכדעם** האט אויסגעבראכן די מלחמה, און מען האט נעבעך אלעס פארלוירן דארט, סיי די פארמעגנס, און סיי די גופים. האט דער לב שמחה געזאגט, דעם טאטענס א ווארט, איז דאך געווען ביי די חסידים, אז מען איז געגאנגען אין פייער און אין וואסער אויף א ווארט וואס דער טאטע האט געזאגט. און דא האט דער טאטע געזאגט בפירוש, און קיינער האט נישט געהערט וואס ער האט געזאגט. עס איז געווען מן השמים אנגעשריבן אז עס זאל אזוי פאסירן, און וועגן דעם האט מען נישט מקבל געווען.

*

**מען דארף קענען שרייבן שיין**

**נאכדעם** שרייבט ער, אז דער לב שמחה האט אים געוויזן א בריוו וואס ער האט באקומען אמאל פון זיין פאטער, פונעם אמרי אמת. דער לב שמחה האט געהאט א שווערע שריפט, [מען האט גערעדט די וואך אז מען דארף קענען שרייבן], און דער פאטער האט אים געשריבן, איך קען נישט ליינען דיין שריפט, איך בעהט דיך, אן אנדערס מאל ווען דו שרייבסט מיר, ווען דו שרייבסט דיין נאמען שמחה, שרייב א ש', מיט א מ', און א ח', און א ה', און נעבן די ש' שרייב די נומבער דריי הונדערט, נעבן די מ' שרייב פערציג, נעבן די ח' אכט, נעבן די ה' פינף, דעמאלטס וועל איך קענען אויסליינען דיין שריפט. - ער האט אים געוואלט ארויסברענגען אז מען קען נישט שרייבן, זאל ער שרייבן דעם נומער דערפון, וועל איך וויסן פון וואס מען רעדט.

* * *

**די** וואך (י"א תמוז) איז אויך די יארצייט פון **רבי הערש'לע זידיטשויבער זי"ע**. ער האט געמאכט א ספר אויפן זוהר, ער איז געווען דער שר בית הזוהר.

**די ענין פון געבן תיקון ביי א יארצייט**

**ער** ברענגט דא צו פון זיינס א זיידן, וואס האט פארציילט, אז רבי הערש'לע זידיטשויבער זי"ע האט אמאל פארגעסן די יומא הילולא פון זיין מאמע. ער האט געהאט יארצייט נאך די מוטער, און ער האט פארגעסן דעם טאג אז עס איז די יארצייט פון די מוטער. ביינאכט האט ער געזען די מוטער אין חלום, און די מוטער האט אים געזאגט, הערש'לע איך בין דיר מוחל אויף אלעם. איך בין דיר מוחל אויף דיין דאווענען, איך בין דיר מוחל אויף דיין משניות, אבער אויף דעם וואס דו האסט נישט געגעבן תיקון לעילוי נשמתי, אויף דעם קען איך דיר נישט מוחל זיין. אזוי האט ער געהערט פון זיין זיידן (ועיין **בשו"ת מנחת יצחק** ח"ו סימן קנה).

**שרייבט** ער דא צו, אז אין אנטווערפן איז געווען א יוד רבי הערש פריעדמאן. ער איז געווען א סופר, האט מען אים גערופן רבי הערש סופר. ער איז געווען א תלמיד פונעם **סאטמאר'ער רב זי"ע** נאך אין קראלי, האט ער פארציילט, אז ער איז אמאל געווען ביי זיין רבי, און איינער האט נאכגעזאגט א ווארט פון רבי הערש'לע זידיטשויבער, אז מען קען אויף אלעם מוחל זיין, אבער אויפן תיקון וואס מען האט נישט געגעבן, אויף דעם קען ער נישט מוחל זיין. האט דער סאטמאר'ער רב זיך אנגערופן, א שיכור האט דאס אויסגעטראפן. ער האט געוואלט האבן תיקון, האט ער געמאכט א גאנצן עסק פונעם תיקון, אז מען דארף טרינקן ברוינפן. דאס אז ער האט מוותר געווען אויף משניות, מוותר געווען אויף לערנען, און נישט אויף דעם תיקון, דאס האט א שיכור אויסגעטראפן.

**האט** מען געזאגט פארן סאטמאר'ער רב, אז עס שטייט אזוי אין **טעמי המנהגים** (עניני שמחות קונטרס אחרון סקנ"א בהג"ה). האט ער געזאגט, אויב אזוי האט עס דאך שוין א שטיקל מקור, אויב אזוי איז די מעשה אמת, אבער דער עולם דארף וויסן, אז עס איז נישט אמת. די מעשה קען זיין אמת, אבער מען דארף עס אפלייקענען. מען זאל נישט מאכן דערפון, אז די גאנצע זאך איז נאר די תיקון, און די משניות איז נישט וויכטיג.

**וביאר רבינו:** אויב די מעשה איז אמת, וויל איך עס מסביר זיין. ער האט געזאגט אז די משניות קען ער מוחל זיין, ער קען מוחל זיין דעם קדיש, נאר דעם לקח, דעם תיקון, קען ער נישט מוחל זיין.

**יעדע** יארצייט טוט א מענטש דריי זאכן. ער דאווענט פארן עמוד, ער לערנט משניות, און ער גיט תיקון. פארוואס, ווייל על שלשה דברים העולם עומד, עס איז דא דריי זאכן אויף וואס די וועלט שטייט, תורה און עבודה און גמילת חסדים (אבות א-ב). אז דאס איז די דריי עמודי עולם, איז דאס טייטש אז דאס איז די דריי עמודים פונעם מענטש, וואס יעדער יוד דארף עוסק זיין אין אלע דריי עמודי עולם, תורה און עבודה און גמילת חסדים. ממילא אז מען וויל טון א טובה פאר די נשמה, לערנט מען משניות, דאס איז תורה. מען דאווענט פארן עמוד, און מען זאגט קדיש, דאס איז עבודה. און מען גיט תיקון, דאס איז צדקה. אמאל איז נישט געווען אזוי ווי היינט, אז מען עסט דעם תיקון ווען מען איז אנגעגעסן. אמאל איז מען אויסגעגאנגען פאר א שטיקל מזונות, און מען האט ממש מחיה געווען יודען. מען איז היינט אויך מחיה יודען, ער גייט ארויס צו דער ארבעט, און ער דארף עפעס טועם זיין פאר דעם, אבער אמאל איז עס געווען ממש די ריכטיגע צדקה. נישט מען האט געגעבן געלט, מען האט אים געגעבן ממש אין מויל אריין, אז ער האט געקענט עסן. - טוט מען די דריי זאכן, תורה און עבודה און גמילת חסדים.

**איך** מיין אז א קינד וואס לערנט סיי ווען, און ער דאווענט, איז אלץ א עילוי נשמה פארן פאטער. אפילו ער זאגט נישט לעילו נשמת פון זיין טאטען, ער דארף נישט זאגן, ברא כרעא דאבוהו (עירובין ע:), יעדע קינד איז א חלק פונעם טאטען. עס איז דא שלשה שותפים באדם, דער טאטע, די מאמע, און הקב"ה (קידושין ל:). יעדעס קינד איז א חלק פונעם טאטע, אן אבר פונעם טאטע, ברא כרעא דאבוהו. ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, און ער לאזט איבער א קינד, איז וואס דער קינד לערנט און דאווענט, צו עס איז יא די יארצייט צו עס איז נישט די יארצייט, ער לערנט משניות, ער לערנט עפעס אנדערש, איז עס ווי דער טאטע לערנט! דאס קינד איז א חלק פונעם טאטען! וועגן דעם איז ברא מזכה אבא (סנהדרין קד:), יעדער קינד איז מזכה דעם פאטער, ווייל ער איז א חלק פונעם טאטען.

**די** מאמע פון רבי הערש'לע זידיטשויבער האט נישט געמיינט צו זאגן, אז דער תיקון איז חשוב'ער פון אלעם, זי האט געמיינט צו זאגן, אז אפילו דו האסט נישט געלערנט משניות פאר מיר, און אפילו דו האסט נישט געזאגט קדיש פאר מיר, ביסטו דאך א גאנצן טאג געזעצן און געלערנט, ער האט דאך נישט געטון עפעס אנדערש. דיין לערנען איז ממילא געווען א עילוי נשמה פאר מיר, ווייל ברא כרעא דאבהו, די מאמע האט א חלק אינעם קינד. דו האסט געלערנט וואס דו האסט געלערנט, איז עס ממילא געווען פאר מיר א עילוי נשמה. וואס דו האסט געדאווענט, איז אויך געווען א עילוי נשמה פאר מיר, אפילו דו האסט נישט געזאגט בפירוש אז דו דאווענסט פאר מיר. אבער אז דו האסט פארפעלט צו געבן תיקון, דאס האסטו דאך נישט משלים געווען מיט עפעס אנדערש, די צדקה האסטו דאך נישט געטון, די צדקה האט מיר אויסגעפעלט. - דאס איז טייטש, דיין משניות און דיין קדיש האט מיר נישט אויסגעפעלט, ווייל דו האסט עס ממילא געטון, ווייל אפילו א קינד לערנט נישט לעילוי נשמתו פונעם פאטער, איז עס ממילא לעילו נשמתו, אבער די צדקה וואס דו האסט געדארפט געבן און דו האסט נישט געגעבן, דאס האט איר געאהרט, און זי האט געזאגט, אז אויף דעם איז זי אים נישט מוחל.

*

**א ברכה פאר קינדער קאסט געלט**

**נאכדעם** ברענגט ער צו פון רבי אייזיק'ל זידיטשויבער, ער איז געווען א נעפיו פון רבי הערש'לע זידיטשויבער. אז עס האט אים פארציילט דער חוסטער דיין, רבי נפתלי לאנדא, דער פאטער פון רבי בנימין לאנדא זאל זיין געזונט, דער טאהש'ער דיין. ער האט געהאט א זיידע רבי שלום לאנדא, ער איז געווען דיין אין וואלאווא, זיין פאטער האט אויך געהייסן רבי נפתלי, און ער האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער. עס איז א מעשה איש מפי איש. אמאל איז אויסגעקומען אז דער רבי אייזיק'ל זידיטשויבער איז געווען אין די שטאט וואלאווא אויף שבת, און זיין זיידע, רבי נפתלי, איז געגאנגען זיך מזכיר זיין, ער זאל מתפלל זיין אויף קינדער. האט אים רבי אייזיק'ל זידיטשויבער געזאגט, הער מיך אויס, איך האב א קאסטן מיט אזויפיל און אזויפיל נשמות, וואס איך קען זיי צוטיילן. און עס קאסט געלט, צוויי קינדער קאסט כך וכך. דו ווילסט האבן צוויי קינדער, עס קאסט אזויפיל און אזויפיל.

**איך** בין געווען אן ארימאן, איך האב נישט געהאט קיין געלט צו געבן, האט ער געזאגט, איך וועל געבן געלט פאר איין קינד. פיין, דו זאלסט ברענגען געלט.

איז ער געגאנגען, און ער האט צוזאמגעשטעלט דאס געלט וואס ער האט געדארפט האבן פאר דעם איינעם קינד. ווען ער איז אנגעקומען צו רבי אייזיק'ל האט ער אים געזאגט, איך האב געברענגט דאס געלט. פרעגט אים רבי אייזיק'ל, וואס דארפסטו, א יונגל אדער א מיידל? האט ער געזאגט איך וויל א יונגל מיט א מיידל. האט ער אים אנגעוואונטשן. אבער למעשה האט ער נאר באצאלט פאר איין קינד. - צום יאר איז אים געבוירען געווארן א זון, א יאר שפעטער איז אים געבוירען געווארן א מיידל.

**נאך** א שטיק צייט, איז דער זון קראנק געווארן. האט ער מורא געהאט, אז אפשר איז עס ווייל ער האט נישט באצאלט פאר רבי אייזיק'ל זידיטשויבער. ער האט נאר באצאלט פאר איין קינד, און ער האט געבעטן צוויי, און ער האט געהאט צוויי, און ער האט נישט באצאלט פאר דעם קינד. איז ער אריבערגעגאנגען צו רבי אייזיק'ל זידיטשויבער, און ער האט אים געזאגט, דער רבי האט מיר געגעבן צוויי קינדער, איך האב באצאלט נאר פאר איינס, איך האב נישט קיין געלט צו באצאלן פארן אנדערן, אבער איך האב א טערקישן טלית בירושה פון מיינע אבות, דעמאלטס איז דאס געווען א ווערדפולע זאך, און איך וויל דאס געבן פאר דעם געלט וואס איך בין שולדיג פאר דעם קינד.

**האט** רבי אייזיק'ל געזאגט, איך דארף נישט דעם טלית, דו קענסט אהיים גיין, דאס קינד וועט האבן א רפואה שלימה, האסט צייט עס צו באצאלן שפעטער. - וכן הוה, דאס קינד איז געהיילט געווארן. און דער רבי נפתלי איז נסתלק געווארן, ער איז אוועק פון די וועלט.

**די** קינדער האבן געוואוסט אז דער טאטע איז שולדיג צו באצאלן פאר רבי אייזיק'ל זידיטשויבער פאר א קינד. דער זון רבי שלום, ער איז געווען דאס קינד וואס איז געבוירן געווארן, איז נאך געווען א קינד, ער האט נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן, האט ער זיך פארגענומען, אז ווען ער וועט חתונה האבן, וועט ער דאך באקומען נדן, וועט ער תיכף נעמען דעם נדן און ער וועט באצאלן פאר רבי אייזיק'ל זידיטשויבער.

**און** אזוי איז געווען, ער האט חתונה געהאט, די ערשטע זאך האט ער אראפגענומען פונעם נדן, און ער האט עס איבערגעגעבן פאר רבי אייזיק'ל זידיטשויבער, און מיט דעם האט ער אויסגעגראד זיין חוב. זכותו יגן עלינו.

*

**די טהרה שטיבל נעבן בית החיים אין דזשיקוב**

**עס** איז אויך די וואך (ח' תמוז) די יארצייט פון **אמרי נועם זי"ע**. דער ראפשיצער רב האט געהאט א זון רבי אליעזר'ל דזשיקוב'ער, און דער רבי אליעזר'ל דזשיקובער האט געהאט א זון רבי מאיר'ל דזשיקוב'ער, און ער האט געמאכט דעם ספר אמרי נועם. דער אמרי נועם איז געווען דער שווער פונעם אהבת ישראל. דער וויזשניצער רבי איז געווען אן איידעם ביים אמרי נועם.

**ער** ברענגט דא צו א מעשה וואס דער בלאזשוב'ער רבי האט פארציילט, ער איז געווען אן אייניקל פונעם אמרי נועם. אז דער אמרי נועם האט געפרעגט פון די חברה קדישא ביי זיך אין די שטאט דזשיקוב, פארוואס עס איז נישט דא קיין טהרה שטיבל נעבן בית החיים, מען זאל קענען מטהר זיין א מת, פאר מען איז אים קובר. האט מען אים געזאגט, אז עס איז נישט דא קיין געלט. קהל איז געווען ארעם, און מען האט נישט קיין געלט. און דער אמרי נועם האט געזאגט, אז מען דארף זעהן צו פארשאפן געלט מען זאל עס בויען. עס האט גענומען א שטיק צייט, און מען האט געבויט און מען האט עס געענדיגט. און די וואך וואס דער אמרי נועם איז נסתלק געווארן, איז געענדיגט געווארן די טהרה שטיבל, און מען האט עס באנייט, פאר דעם אמרי נועם האט מען דארט געמאכט די טהרה. - דער אמרי נועם איז געפארן אויף קארלסבאד זיך צו היילן, און ער איז אוועק אין דער פרעמד. און פון דארט האט מען אים צוריק געברענגט אויף דזשיקוב, און מען האט אים מטהר געווען אין די טהרה שטיבל. - א פאר וואכן שפעטער האט די טהרה שטיבל אפגעברענט, און די גאנצע טהרה שטיבל האט מען נאר גענוצט איין מאל פארן אמרי נועם, וואס ער האט געוואלט אז עס זאל זיין די טהרה שטיבל דארט נעבן דעם בית החיים.

*

**מען מעג מפנה זיין א מת**
**כדי אים צו ברענגען לקבר אבותיו**

**והוסיף רבינו:** איך האב געזעהן צוברענגען, אז דער אמרי נועם, דאס לעצטע יאר זיינע, פרשת ויחי, האט

ער געזאגט, אז עס שטייט ביי יעקב אבינו, ונשאתני ממצרים וקברתני בקברתם (בראשית מז-ל), מען זאל אים נעמען פון מצרים, און קובר זיין אין מערת המכפלה. האט ער געזאגט, אז געוועונליך איז מען נישט מפנה א מת, נאכדעם וואס מען האט אים קובר געווען. אבער עס שטייט, אז מען מעג מפנה זיין א מת, אויף צוויי אופנים. טאמער איז ער צווישן קברי עכו"ם, צווישן גוים, און מען וויל אים טראגן צווישן יודען, מעג מען מפנה זיין. אדער אויב ער ליגט צווישן יודען, נאר מען וויל אים טראגן צו קבר אבותיו, מעג מען אים אויך מפנה זיין.

**יעקב** אבינו האט זיי געזאגט, ביי מיר איז דא ביידע. איך וויל נישט בלייבן דא אין מצרים, איך וויל נישט בלייבן צווישן גוים. און איך וויל אז מען זאל מיך טראגן צום מערת המכפלה, וואס דאס איז קבר אבותיו. ונשאתני ממצרים, טראג מיך קודם אוועק פון מצרים, ווייל דא איז קברי עכו"ם, איך וויל נישט בלייבן דא צווישן די גוים. וקברתני בקברתם, און דו זאלסט מיך קובר זיין בקברתם, אין די מערת המכפלה, וואס דאס איז געווען דער מקום פון זיינע אבות.

**זונטאג** האט ער געזאגט פאר די טאכטער, אז מען זאל געדענקען די תורה וואס ער האט געזאגט. ווייל ער איז אויך אוועק אין דער פרעמד, און מען האט אים געוואלט קובר זיין דארט אין קארלסבאד, אבער מען האט געדענקט, אז ער האט געזאגט, אז מען זאל אים טראגן צו קברי אבותיו, האט מען אים צוריק געברענגט קיין דזשיקוב.

*

**אלע נשמות גייען אדורך ירושלים און די מערת המכפלה**

**וסיפר רבינו:** דער אמרי נועם האט געהאט מערערע זון, איינע פון זיינע קינדער האט געהייסן רבי נפתלי חיים. רבי נפתלי חיים איז געווען א איש פלא, א איש מופת. ער האט געוואוינט אין ירושלים, אמאל האט מען דאך נישט געוואוסט פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ וואס עס האט פאסירט, און רבי נפתלי חיים האט געדאווענט אין א בית המדרש דארט אין ירושלים, עס האט געהייסן ר' ניסן באק'ס שול, ער פלעגט זיך אסאך צו דרייען דארט.

**איינמאל** האט ער צוזאמגערופן א מנין, און ער האט געבעטן מען זאל זאגן תהלים, און ער האט געזאגט נאכדעם קדיש. האט מען אים געפרעגט, וואס דאס איז. האט ער געזאגט, אז ער האט געזעהן ווי מען האט יעצט געפירט זיין טאטע פון חוץ לארץ, און מען האט אים געברענגט דא קובר צו זיין אין הר הזיתים, ממילא האט ער געזאגט קדיש און תהלים, בשעת ער האט געזעהן מען האט אים געברענגט. מען האט נישט געוואוסט צו עס איז אמת, צו עס איז נישט אמת, עס האט גענומען א לענגערע צייט ביז מען איז געוואויר געווארן פון דזשיקוב, אז עס איז אמת, דעמאלטס איז דער אמרי נועם אוועק, און ער האט עס תופס געווען.

**והוסיף רבינו:** איך האב געזעהן צוברענגען אין ספר **אמרי דבש** פון רבי בערל שווארץ, וואס האט געשריבן פארשידענע זאכן. שרייבט ער דארט, אז מען האט אמאל פארציילט פארן **סאטמאר'ער רב** די מעשה. האט דער סאטמאר רב זיך אנגערופן, אז עס איז דא אין א מענטש צוויי חלקים. עס איז דא דער גוף, וואס דעם גוף איז מען קובר וואו עס איז. נאכדעם איז דא זיין נפש, נפש רוח ונשמה. האט דער סאטמאר'ער רב געזאגט, אפילו די מעשה איז אמת, איז נישט קיין הכרח אז מען האט אים ארויפגעטראגן. נאר איין חלק פון זיין נפש, איז מן הסתם אנגעקומען אויף ארץ ישראל, דאס איז די נפש רוח ונשמה.

**והסביר** רבינו: עס שטייט דאך, אז יעדע נשמה בעפאר עס גייט ארויף אויף יענע וועלט, גייט עס אדורך די מערת המכפלה, דאס איז די פלאץ וואו אלע נשמות קומען קודם אן אהין, און דארט איז דער מקום וואו עס גייט ארויף אויבן אין הימל. און בשעת זיין נשמה איז אדורכגעגאנגען ירושלים, האט רבי נפתלי חיים מרגיש געווען אז עס איז ארויף אויבן, און אויף דעם האט ער געזאגט, אז ער האט געזעהן ווי אזוי מען האט ארויף געטראגן זיין פאטער אויבן.

*

**געהאלפן געווארן מיט א קינד אין זכות**
**פון אוועקגעבן פון זיך, פאר זיין רבי'ס כבוד**

**דער** אמרי נועם האט געהאט א ברודער, **רבי משה ראזוואדוב'ער**. ברענגט ער צו דא. אז עס איז געווען א יוד וואס איז געווען א חסיד פון רבי משה'לע ראזוואדוב'ער, און ער האט יארן לאנג נישט געהאט קיין קינדער, און ער האט זיך אלץ מזכיר געווען ביי

זיין רבי, אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער. עס איז אדורך יארן, אבער ער איז נישט געהאלפן געווארן.

**אמאל** האט ער זיך געטראפן מיטן אמרי נועם, מיט רבי משה'לע ראזוואדוב'ער א ברודער, און ער האט זיך אויך מזכיר געווען אז ער דארף האבן זרע של קיימא. האט אים דער אמרי נועם געזאגט, אז דו וועסט קומען צו מיר אויף ראש השנה אויף דזשיקוב, וועסטו געהאלפן ווערן מיט א קינד. ער איז ארויסגעגאנגען פרייליך, דער רבי האט אים צוגעזאגט אז אויב ער וועט קומען אויף ראש השנה, וועט ער האבן א קינד.

**ער** האט אבער נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל ער איז געווען א ראזוואדוב'ער חסיד אזויפיל יארן, און דא וועט ער איבערלאזן דעם רבי'ן ראש השנה, און פארן צום אמרי נועם אויף ראש השנה. איז ער אריין צו רבי משה'לע ראזוואדוב'ער, און ער האט אים פארציילט, איך האב מיך געטראפן מיטן רבי'נס ברודער, דער אמרי נועם, און ער האט מיר געזאגט, אז אויב איך וועל קומען צו אים אויף ראש השנה, וועל איך געהאלפן ווערן מיט א קינד, וואס איך זאל טון? האט ער אים געזאגט, אדרבה, אז דער ברודער האט דיר צוגעזאגט, פאר געזונטערהייט. עס איז אים געווען א שטיקל פלא, ווייל דזשיקוב מיט ראזוואדוב זענען נישט געווען אזוי שוה בשוה, אבער דער רבי האט דאך אים געגעבן רשות אז ער קען פארן, ער גייט פארן אויף דזשיקוב, און האבן א קינד.

**שפעטער** האט זיך דער חסיד איבערגערעכנט, און ער האט געזאגט, איך פאר אזויפיל יארן צו מיין רבי אויף ראזוואדוב, און אלע חסידים ווייסן אז איך בין א ראזוואדוב'ער חסיד, און אויב איך וועל יעצט וועקגעפארן פון רבי'ן אויף יום טוב, און פארן צום אמרי נועם, קיינער ווייסט נישט אז איך פאר ווייל מען האט מיר צוגעזאגט, אז איך וועל האבן דארט א קינד, נאר איך און דער רבי ווייסען. עס וועט אויסקוקן ווי א פגיעה פאר מיין רבי, אז איך האב איבערגעלאזט מיין רבי, און איך בין אוועקגעפארן, עס איז דאך געווען געשפאנט די צוויי הויפען, איך האב איבערגעלאזט ראזוואדוב, און איך בין אוועקגעפארן אויף דזשיקוב. - איך גיי נישט אוועקפארן אויף דזשיקוב, איך גיי צו מיין רבי ווייטער אויף ראזוואדוב.

**ער** קומט אן ערב ראש השנה אויף ראזוואדוב. און רבי משה'לע זעהט אים, און ער זאגט אים, נו, מען האט דאך אפגעשמועסט אז דו גייסט אויף דזשיקוב. האט ער אים געזאגט, וועגן מיין קינד, וועט דער רבי האבן עגמת נפש?! דער עולם דא, וואס וועלן זיי זאגן, איך דאווען שוין ביי מיין רבי פינף און צוואנציג יאר, און איך ווער נישט געהאלפן, און איינמאל בין איך געפארן צו רבי מאיר אויף דזשיקוב, ווער איך געהאלפן... א כפרה מיין קינד, און דער רבי זאל נישט האבן קיין עגמת נפש! ווי איידער דער רבי זאל האבן עגמת נפש, אז מען וועט רעדן אויפן רבי, אז דא איז ער נישט געהאלפן געווארן, און דארט איז ער יא געהאלפן געווארן, ער איז מוותר, איך וויל נישט אז דער רבי זאל האבן חלישת הדעת.

**ווען** רבי משה'לע האט דאס געהערט, איז ער נתרגש געווארן פון דעם חסיד, אז ער האט געהאט אזא מסירת נפש פאר אים, ער האט אפגעזאגט א קינד, כדי דער רבי זאל נישט האבן קיין חלישת הדעת. האט ער אים געזאגט, ווייסטו וואס, אז עס איז אזוי, וועסטו ביי מיר אויך געהאלפן ווערן! - וכן הוה, צום יאר איז ער געהאלפן געווארן מיט א קינד.

**ווען** דאס קינד איז אלט געווארן צוויי דריי יאר, איז רבי משה'לע ראזוואדוב'ער געווען אין די שטאט וואו דאס קינד האט געוואוינט, און דאס קינד איז אויך געווען דארט. און מען האט אנגעצייכנט אויף דעם קינד, אז די קינד איז געבוירן געווארן מיט א ברכה פון רבי משה'לע ראזוואדוב'ער, פינף און צוואנציג יאר נאך די חתונה. האט זיך רבי משה'לע ראזוואדוב'ער אנגערופן, דאס איז א מופת? וואס פאר א מופת איז עס? איך האב אינזין געהאט, אז א יוד האט ביי זיך געקלערט, ער וויל נישט טון קיין שום זאך, און ער האט נישט אינזין זיין אייגענע ישועה, ווייל ער האט נישט געוואלט מצער זיין זיין רבי, פאר דעם אליין קומט אים דען נישט א ישועה... וועגן דעם איז ער געהאלפן געווארן.

**עס** איז א מוסר השכל פון ביידע זייטן. ער האט נישט געוואלט מצער זיין זיין רבי, ער האט ענדערש מוותר געווען אויף א קינד, כדי אז זיין רבי זאל נישט האבן חלישת הדעת. און דורך דער וויתור וואס ער האט מוותר געווען, איז ער געהאלפן געווארן.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

קול מעדני מלך וויען – 718.400.7710 • MechonMMVien@Gmail.com
הרוצה לנדב הוצאת הגליון יפנה להר"ר יואל ברא"ש פייערווערקער הי"ו 347.425.2151

קול מעדני מלך וויען – 718.400.7710 • MechonMMVien@Gmail.com
הרוצה לנדב הוצאת הגליון יפנה להר"ר יואל ברא"ש פייערווערקער הי"ו 347.425.2151